## עלטערן שוועבן אין העכערע אַטמאָספּערע ביי "בנערינו" מלוה דמלכה

## גרופּע געגרינדעט צוזאַמענצונעמען עלטערן פון ספּעציעלע קינדער

וויליאַמסבורג – דער פסוק לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע את דבר ה' – האָט זיך אויסגעטייטשט אין פולן זין דעם מוצאי שבת קודש אין קראַסנער זאַל, וואו צענדליגער עלטערן זענען געזעסן איבער רייך-געדעקטע טישן און געשמאַקע מעניוס, אָבער נישט דאָס עסן האָט זיי באַצויבערט. זיי זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער און געשלינגען די הערליכע מאמרים ווי אַזוי עלטערן פון ספּעציעלע קינדער דאַרפן זיך באַציען צו וואָס דער אייבירשטער האָט זיי געגעבן, און וואָס זענען די ריכטיגע געדאַנקען וואָס אַזעלכע עלטערן דאַרפן האַלטן פאַר זייערע אויגן.

די געלונגענע פּראָגראַם, האָט בלויז געקענט צושטעלן און אָנגעפירט ווערן דורך עלטערן אַליין – וועלכע האָבן געגרינדעט די "בנערינו" גרופּע, איינזעענדיג אַז עס איז נויטיג אַז עלטערן זאָלן זיך קענען צונויפשמועסן און מחזק זיין איינער דעם אַנדערן. דאָס קאָמיוניקירן צווישן זיך, פאַרשטייענדיג איינער דעם צווייטן, איז די גרעסטע גייסטישע חיזוק און הילף פון וואָס עלטערן קענען געניסן.

אין צוגאָב, האָט בנערינו געעפנט אַ וועלט פון אינפאָרמאַציע וואָס עלטערן טיילן זייערע ערפאַרונגען און ידיעות איינער מיטן אַנדערן. דאָס האָט געעפנט אַן אינפאָרמאַציע קוואַל איבער ספּעציעלע געצייגן און מעטאָדן פאַר די קינדער, סערוויסעס, און פּראָגראַמען, פון וואָס עלטערן קענען געניסן. דאָס איז אַ געוואַלדיגע אויפטו, ווייל ווער נאָך ווי די וואָס זענען עס פּערזענליך דורך האָבן די ריכטיגע אינפאָרמאַציע וואָס עס איז די בעסטע פאַר די קינדער, כדי עס מיטצוטיילן אויך מיט אַנדערע אין די אומשטענדן, כדי אויך זיי און זייערע קינדער זאָלן הנאה האָבן דערפון.

אין דעם זעלבן זין, איז די גאַנצע מלוה דמלכה פּראָגראַם טאַקע באַשטאַנען פון געגנוי דאָס: וואָס עלטערן זוכן צו הערן, ווערנדיג צוגעשטעלט דורך עלטערן זעלבסט.

ווי האָט איינער פון די חשוב'ע רעדנער זיך אויסגעדרוקט: "איך האָב מורא צו רעדן צו אַזעלכע עלטערן. איך ווייס נישט צי איך וועל זאָגן די ריכטיגע דיבורים. נאָר איך וועל זאָגן דאָס וואָס איך, האָבנדיג אַזאַ סאָרט קינד אין שטוב, וואָלט געוואָלט הערן."

דאָס איז אין געציילטע ווערטער וואָס די מלוה דמלכה איז געווען: פון עלטערן, פאַר עלטערן, און געניי וואָס עלטערן האָבן געזוכט.

די איצטיגע מלוה דמלכה איז שוין די צווייטע צוזאַמענקום אין די לעצטע שטיק צייט, און עס איז צושטאַנד געקומען נאָך וואָס די פריערדיגע מסיבה, וואָס איז געווען בלויז פאַר פרויען, האָט אָפּגעצייכנט אַן אויסערגעוועגליכע הצלחה און עס איז געוואַקסן דער פאַרלאַנג פאַר נאָך אַזאַ פאַרברענג און באַגעגעניש אויך פאַר מענער. דאָס מאָל האָט מען געדאַרפט צושטעלן מער טישן אין די עזרת נשים, און ביי די מענער זייט זענען אַלע טישן שנעל פול געוואָרן, וואָס האָט געברענגט צום אויסדרוק ווי ווייט עלטערן האָבן הנאה פון די גרופּע.

גערעפנט די מלוה דמלכה האָט דער באַרימטער עסקן און אַראַנזשירער הר"ר חיים שניטצלער, פון "שניטצלער'ס אַסאָסיעיטס", וועלכער האָט געדינט אַלס טשערמאַן און האָט מיט געניטקייט געהאָלפן צוגרייט די רייכע פּראָגראַם. עס האָט אויך אויפגעטרעטן הר"ר אברהם חיים קרויס, פון די מייסדים און אינציאַטאָרן פון בנערינו.

ר' חיים האָט נאָכגעזאָגט אַ מורא'דיג וואָרט פון די ספרים הקדושים, אויף די קשיא פון די ראשונים פאַרוואָס די עקדה ווערט נאָר נתייחס צו אברהם אבינו. לכאורה יצחק אבינו האָט זיך דאָרט געלאָזט און איז געווען גרייט זיך מקריב צו זיין למען שמו יתברך, איז ער דאָך בעיקר נתנסה געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעשטרעקט די האַלז פאַרן אייבירשטען.

דער חילוק איז, האָט ער נאָך געזאָגט פון ספרים, אַז יצחק אבינו'ס אָפּפערוויליקייט איז טאַקע געווען געוואַלדיג, אָבער דער נסיון וואָלט געווען זייער קורץ. נאָך די הערצאַישע מינוט פון לאָזן דורכפירן דעם מעסער און ווערן אַ קרבן עולה תמימה, וואָלט ער שוין נהנה געווען מזיוו השכינה

און דערגרייכט אַ שכר און הנאה וואָס עין לא ראתה. משא"כ אברהם אבינו וואָלט במשך זיין גאַנצן לעבן געדענקט אַז ער האָט שוין מער נישט זיין אויסגעבעטענעם בן יחיד, זיין טייער קינד, פון וועמען עס האָט געזאָלט אַרויסקומען דער כלל ישראל. דאָס – זאָגן די ספרים הקדושים – איז פיל שווערער ווי איין מאָל עומד זיין בנסיון.

דאָ האָט ר' חיים אויסגערופן אַ גערירטער, אַז אינעם זעלבן זין קען מען זאָגן אויף די עלטערן וועלכע זענען מקבל דעם אייבירשטען'ס רצון באהבה טאָג-איין-טאָג-אויס, און געבן זיך אָפּ מיט די קינדערלעך, טייערע נשמה'לעך, במשך יאָרן. זיי האָבן אַ שטענדיגע זכי', און זייער גבורת הנפש איז אין לשער, אומשאַצבאַר.

דער זאַל איז געוואָרן לעבעדיג, ווען דער משמח אלקים ואנשים, הר"ר וועלוועל גאָלדשטיין האָט איבערגענומען דאָס וואָרט. זיינע וויצלעך און לעבעדיגע ווערטלעך האָבן נישט בלויז געהויבן די געמיטער, נאָר זענען געווען ספּעציעל געגאָסן צו דעם פּאַרברענג, זייענדיג תוכן'דיג, אַריינגעבנדיג עמערס פון חיזוק אין די עלטערן, און אַרויסברענגנדיג הערליכע געדאַנקן וועלכע הערן זיך צומאָל בעסער ווען עס קומט אַלס מילתא דבדיחותא.

בין גברא לגברא איז געזינגען געוואָרן זמירות דורך אַ הערליכע קאַפּעליע און מוזיק, אָנגעפירט דורך דעם הערליכן בעל מנגן ר' נחמי' בראָדט הי"ו. אַ שטילקייט איז דורכגעלאָפן אין זאַל ווען דער שאָצער רב שליט"א, הר"ר יצחק אלעזר מאָסקאָוויטש, האָט איבערגענומען דאָס וואָרט.

דער בעל דרשן איז מפורסם מיט זיינע הערליכע דרשות, ספּעציעל איז ער אַ חד בדרא צו פאַרשטיין צו די קינדער. די באַטייליגטע האָבן געשלינגען מיט דורשט די ווערטער, מלא וגדוש מיט אמונה, און ערליכע מחשבות וואָס אַזעלכע עלטערן דאַרפן אַלץ האָבן. ח"ו נישט האָבן קיין תרעומות, באַגלייט מיט סיפורים ווי אַזוי ערליכע אידן האָבן זיך געספּראַוועט מיט אַזעלכע מצבים.

דאָס שלינגען און מקבל זיין באהבה ובשמחה איז מורא'דיג חשוב אויבען אין הימל. ווייל אהרן הכהן האָט געשוויגן, וידום אהרן, האָט ער זוכה געווען צו די גרעסטע קדושה, אַז דער כהן גדול איז אַריין לפני ולפנים יום כיפור, די גרעסטע מדרגה וואָס אַ איד האָט נאָר געקענט האָבן. די עלטערן וועלכע געבן זיך אָפּ מיט די קינדער מיט די געטריישאַפט, זענען מקבל וואָס מ'האָט זיי געשיקט מן השמים, זענען זייער חשוב און טייער ביים רבונו של עולם. אפילו ווען דאָס שטערט אַמאָל פון עבודת ה', לערנען אָדער תפלה בציבור, ווייל מ'דאַרף זיך אָפּגעבן מיט אַזאַ קינד, האָט דער שאָצער רב ערקערלט אַז עס איז פי כמה חשוב - דאָס איז זייער עבודה, און זיי פירן עס דורך בשלימות!

דער חשוב'ער בעל דרשן האָט נאָכגעזאָגט אַ מעשה וואָס מ'זאָגט אויף איינע פון די תלמידי בעל שם, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט אַ בעל עגלה ווי אַזוי ער האָט נישט מורא צו פאָרן אין וועלדער ביינאַכט, וואו ער קען באַפאַלן ווערן דורך רויבער. האָט ער געענטפערט: "ווילאַנג איך האָב גאָ-ט אין האַרץ און דעם בייטש אין די הענט, האָבן איך נישט מורא." דער עיקר איז צו האָבן קוב"ה אין האַרץ, האָט ער געענדיגט.

דער ציבור איז געזעסן מיט אָפענע מיילער, און עס האָט זיך דערקענט אַז די ווערטער זענען ווי באַלזאַם צו די עלטערן און זיי זענען דערפון טיף גערירט. עס האָט זיי געהויבן, און געגעבן צו שפּורן אַז די אַלע מיטמאַכענישן האָבן אַ העכערן באַדייט, און ווי חשוב עס איז לפני אדון כל. זייער מי איז נישט אומזיסט.

דערנאָך איז געקומען דער קלימאַקס, אויף וואָס די פאַרזאַמעלטע האָבן שטאַרק אַרויסגעקוקט, ווען עס האָט אויפגעטרעטן אַ חשוב'ער רב אין לאָנג-ביעטש, הרב חיים וואַקסלאַק שליט"א, וועלכער דינט אַלס קליניקעל דירעקטאָר פון די באַרימטע העס"ק אָרגאַניזאַציע, און ער האָט געוואַלדיגע ערפאַרונגען אין באַדינען די קינדער און עלטערן, און זיי צושטעלן דאָס בעסטע וואָס איז נאָר שייך זיי צו העלפן שטייגן און אַרויפברענגן.

העלפנדיג גאָר אַסאַך אַזעלכע עלטערן מיט אַלע זייערע געברויכן בשייכות מיט די קינדער, האָט הרב וואַקסלאַק אַרויסגעברענגט פון זיין ערפאַרונג ווי שווער עס איז פאַר עלטערן צו וואוסן פון די הילף וואָס זיי קענען געניסן צו פאַרלייכטערן פאַר זיך און פאַרבעסערן דעם לעבן פון זייערע קינדער. דעריבער, האָט ער גאָר שטאַרק באַגריסט די "עלטערן טעלעפאָן ליין" וואָס איז געעפנט געוואָרן אונטער "בנערינו", וואָס וועט העלפן עלטערן מיט אַלע זייערע פראַגעס און אינפאָרמאַציע, אָפּגעזען פון וועלכע אַגענטור זיי געניסן פון די סערוויסעס. די טעלעפאָן ליין נומער איז 718.535.1929.

האַלטנדיג מוצאי שבת בא, האָט הרב וואַקסלאַק אַרויסגעברענגט אַז עס די פּאַסיג צייט פאַר די מלוה דמלכה, אין די סדרה פונעם פסוק "בנערינו ובזקנינו נלך". נישט בלויז ווייל עס שטימט מיטן נאָמען "בנערינו," נאָר דאָס איז דער ציל צו העלפן עלטערן אַרויפברענגן זייערע קינדער און שעפּן נחת ווי זייערע קינדער לעבן און באַקומען די נויטיגע באַדינונגען.

הרב וואַקסלאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פרט, "אָטיזם", וואָס איז היינט פיל מער שכיח ווי אַמאָל. פאַר פופציג יאָר צוריק איז באַוואוסט אַן עפּיזאָד ווען אַ דאָקטאָר האָט זיך באַגעגנט מיט אַזאַ פאַל, האָט ער געזאָגט זיינע מעדיצינישע סטודענטן זיי זאָלן עס גוט באַטראַכטן ווייל מער וועלן זיי עס שוין נישט זען. היינט זענען די פעלער כמעט דאָפּלט ווי צען יאָר צוריק, און זענען אויך שטאַרק געשטיגן אין די לעצטע צוויי יאָר. היינט האָט איין פון 166 קינדער אַ געוויסער גראַד אָדער סאָרט אָטיזם.

דאָס ברענגט אַ פאַרלאַנג פאַר מער הילף, אָבער גלייכצייטיג ברענגט עס אויך מער פאָרשונגען און פראָגראַמען, פון וואָס מען קען געניסן. צום ביישפּיל, פאַר אַ קורצע צייט צוריק האָט פּרעזידענט בוש אונטערגעשריבן אַ געזעץ צו אינוועסטירן ביליאָנען דאָלאַרן אין "אָטיזם" פאָרשונגען. די "בנערינו" סופּאָרט גרופּע וועט העלפן עלטערן געוואויר ווערן זייערע אָפּציעס אין נייע אַנטוויקלונגען אויף דעם געביט.

הרב וואַקסלאַק האָט נאָך געהאַלטן אַ לענגערע דרשה פון וואָס די עלטערן האָבן אויסערגעוועגליך הנאה געהאַט, און געשעפּט באַלערנדע, פּראַקטישע אינפאָרמאַציע, אינאיינעם מיט מאָראַלישע חיזוק פון אַ איד וואָס ליגט אין דעם געביט במשך דעם קיילעכיגן יאָר. זיינע טרעפליכע ווערטער, האָבן קענטליך גאָר טיף באַאיינדרוקט די עלטערן און זיי געגעבן הויפענס חיזוק און דערמוטיגונג אויסצופירן זייערע גרויסע, נישט-לייכטע אויפגאַבע.

דער ציבור איז זיך צוגעגאַנגען מיט שטראַלנדע געזיכטער, און מיט אַ פרישן גייסט אָנצוגיין מיט זייער אויפגאַבע וואָס דער אייבירשטער האָט זיי געשיקט, און עס אויספירן מיט געטריישאַפט ובאמונה.